# תורת יואל

גליון מס' 8

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת לך לך תשפ"ה

## למען ייטב לי בעבורך וחיתה נפשי בגללך

פירוש רש"י: יתנו לי מתנות, אברהם אבינו האט געהאפט צו באקומען מתנות, איז זייער שווער צו פארשטיין, וואספארא מתנות האט אברהם ערווארטעט, צו וואס דארף ער מתנות פון די מצרים? נאך איז שווער, פארוואס האט ער מקדים געווען די מתנות פאר **וחיתה נפשי**, דאס לעבן איז דאך פיל וויכטיגער ווי מתנות.

אין מדרש שטייט אז אלע מתנות וואס אברהם האט באקומען פון פרעה, האט ער געגעבן פאר די בני פלגשים, און מיט דעם האט ער זיי פארשיקט פון זיין שטוב, ווי אויך שטייט אין **ילקוט ראובני**, אז די מתנות איז געווען שמות הטומאה, און דאס האט ער אוועקגעגעבן פאר די בני פלגשים, ווי עס שטייט אין פסוק **וישלחם מעל יצחק בעודנו חי**, אגב דער רבי איז מדייק דעם פסוק בעודנו חי אוודאי ביים לעבן האט ער זיי פארשיקט.

דער רבי פארענטפערט אלע קשיות מיט א גמרא, (בבא בתרא קט"ז, א) **כל המניח בן כמותו כאילו לא מת**, טייטש: איינער וואס גייט אוועק פון די וועלט, און ער לאזט איבער א זוהן אזוי גרויס ווי אים, איז גלייך ווי ער איז נישט געשטארבען, ער הייסט **חי וקים**.

**והנה**, איז דער הייליגער רבי מסביר, מיט דעם וואס אברהם אבינו האט פארשיקט די בני פלגשים, האט ער געמאכט א תיקון גדול פאר די קומענדיגע דורות, וואלטן די בני פלגשים ח"ו געבליבן אין שטוב, און יצחק וואלט זיך אויסגעמישט מיט זיי, וואלט נישט געבליבן קיין שריד ופליט פון כלל ישראל רח"ל, און דאס איז פשט אין פסוק, **וישלחם מעל יצחק בנו**, און דאס האט גורם געווען **בעודנו חי** אז איך הייס נאך חי, ווייל מיטן איבערלאזן אן עהרליך קינד ווערט מען

אנגערופן **חי וקים**, ווי די אויבנדערמאנטע גמרא.

מיט דעם פארשטייט מען שוין פארוואס איז געווען אזוי וויכטיג פרעה'ס מתנות, ווייל מיט די מתנות האט אברהם געקענט פטור ווערן פון די בני פלגשים - ווי דער מדרש זאגט - אין דאס איז פשט אין פסוק, **למען ייטב לי בעבורך** אז איך וועל באקומען מתנות פון פרעה, און איך וועל דאס געבן פאר די בני פלגשים, **וחיתה נפשי** וועל איך גערעכנט ווערן ווי איך לעב ווייטער, ווייל איך וועל איבערלאזן עהרליכע דורות.

(תשי"ב)

## מעשה: הכרת הטוב

אויף די עלטערע יארן פון רביה"ק, והוא מחולל פשעינו, און שווער זיך געקענט באוועגן, אפילו רעדן איז אנגעקומען זייער שווער, האט די רעבעצין געקויפט א גלעקל, און ווען דער רבי האט געוואלט רופן דעם גבאי אדער הויז בחור, האט דער רבי געגעבן א שאקל מיטן גלעקל.

(די יעצטיגע בני חמישים געדענקען אין בעלל-הארבעה, אויך אין די בעיקערטאון הויז, ווי דער גלעקל איז אלץ געווען אויפן רבין'ס טיש).

פארציילט הרה"ח ר' חיים הלוי העללער ני"ו, אז פארענדיג איינמאל אויף געשעפטן אין די מרחקים, האט ער געזעהן א זילבערנעם גלעקל, און געטראכט אז דאס איז זעהר שיין און פאסיג פארן רבי'ן, אפגעקויפט און אהיימגעברענגט.

ווען ר' חיים איז אריין שלום נעמען ביים רבי'ן, האט ער געוויזן דעם נייעם גלעקל און געזאגט אז דאס איז א מתנה פארן רבי'ן, דער רבי האט דאס איבערגענומען, באטראכט און זעהר הנאה געהאט, און זיך שטארק באדאנקט, זאגט ר' חיים פארן רבי'ן אז ער וויל זייער באקומען דעם אלטן גלעקל, לזכרון.

דער רבי זי"ע - איבער די ניינציג - אבער מיט זיינע איידעלע מדות, זאגט פאר ר' חיים האָרכ-אויס דער גלעקל האט געקויפט די רעבעצין איך מוז איר פרעגן רשות פאר איך גיב דאס אוועק, און גלייך אפגעזעגענט.

עס גייט דורך עטליכע וואכן, און א שליח פון רבי'ן קלאפט אין די טיר, און זאגט פאר ר' חיים, אז דער רבי שיקט א מתנה דעם אלטן גלעקל, און דער רבי איז שטארק מכיר טובה.

**זכותו יגן עלינו**